ישראל שטערן

# פאַר נייגעריקע

ווער עס פרעגט מיך ווער איך בין,
דעם שיק איך אָפּ צו מיינע נעכט.

אײנע זאָגט :
אַ קבר.
קיין מצבה שטייט נאָך נישט.
ער איז שטיל אַרומגעפלויגן
ווי אַ טויב
און איז ערגעץ איינגעשלאָפן
ווי אַ טויב.
קיינער האָט אים נישט באַוויינט,
און קיין מצבה שטייט נאָך נישט.
נאָר אַ מאָל בשעת די וועלט
טרויערט עפּעס אַזוי ווייס
און ווייך,
ווי אַ ווייסע טויב, —
בלייבט אינמיטן הימל שטיין
די לבנה
און טייטלט מיט אַ לאַנגן פינגער
אויף דעם פענצטער פון אַ שטיבל :
פּה נפטר !

די צווייטע ענטפערט :
שטענדיק אַ פאַרליבטער.
אַמאָל אין טאָג, וואָס איז אַוועק

אין אַ שיף מיט גאָלד אויף יענער זייט,
אַמאָל אין טאָג, וואָס וויגט זיך נאָך
ביי מיר אין שוים און שלאָפט זיך אויס,
ביז מיט רויטן־בלויען טינט
וועט פאַרשרייבן גאָט דעם הימל :
שטיי אויף... שטיי אויף... שטיי אויף!

שטענדיק אַ פאַרליבטער,
קאָן ער אָפּשטיין גאַנצע שעהען
אינמיטן דער שלאָפעדיקער שטאָט
און ברענען און ברענען
צווישן צוויי זונען.

די דריטע קוקט אַראָפּ :
שטיל — שטיל.
גאָסן —
קראָמען —
סלופּעס —
פּאַרקן —
שטיל — שטיל.
אַ וועג —
אַ בריק —
אַ טייך —
אַ מיל —
שטיל, שטיל.

נאָר ביי אַ פּאַרקאַן דאָרט ערגעץ
קריכט עמיץ געבויגן.

איז עס דער וועכטער ?
איז דאָס אַ גנבֿ ?
און אפשר אַ וועכטער — אַ גנבֿ ?
די דריטע נאַכט קוקט אַראָפּ,
און די וואָלקן ביי איר זייט
גייען, גייען און וואַקלען זיך...

ווער עס פרעגט מיך ווער איך בין,
דעם שיק איך אָפּ צו מיינע נעכט.